רַ"עַ שֶׁעַל יְדֵי לִמּוּד הַזֹּהַר נַעֲשָׂה חֵשֶׁק לְכָל מִינֵי לִמּוּדִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה

בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

פרשת בשלח

כח

וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# ◆ הַקְדָמָה ◆

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפִינֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

וְוִיבַּאלד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִייַעְתָּא דִשְׁמַיָא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיב מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרָ"אשׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיב מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיב מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפִינֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶּער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְּנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלָּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןן פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן

מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיּוּת אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'ישׁ דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'ישׁ מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָּא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".

בָּרוּךְ יְ' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

• • •

# א תְּפִלָּה
## פַארְן לֶערְנֶען זהר

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוּטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר:

פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח תשפ"ו - דַף סג ע"א

**וְאִינוּן דְּלָא אִשְׁתְּכָחוּ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא, מַה כְּתִיב בְּהוּ, (במדבר יא) שָׁטוּ הָעָם וְלָקְטוּ. מַאי שָׁטוּ. שְׁטוּתָא הֲווֹ נַסְבֵי לְגַרְמַיְיהוּ, בְּגִין דְּלָא הֲווֹ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא. מַה כְּתִיב בְּהוּ. וְטָחֲנוּ בָרֵחַיִם אוֹ דָכוּ בַּמְּדוֹכָה וְגוֹ'. מַאן אַטְרַח (דף ס"ג ע"א) לוֹן כָּל הַאי. אֶלָּא דְּאִינוּן לָא הֲווֹ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא.**

חָזוֹת אִישׁ

**וְאִינוּן** דִי מֶענְטְשְׁן, **דְּלָא אִשְׁתְּכָחוּ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא** וָואס הָאבְּן נִישְׁט גְעהַאט קֵיין אֱמוּנָה, **מַה כְּתִיב בְּהוּ** וָואס שְׁטֵייט בַּיי זֵיי? (בַּמִּדְבָּר יא, ח): **'שָׁטוּ הָעָם'** דָאס פָאלְק פְלֶעגְט שְׁפַּאצִירְן אָן זִיךְ פְּלָאגְן, **'וְלָקְטוּ'** אוּן זֵיי פְלֶעגְן קְלוֹיבְּן דִי מָן; דָאס אִיז דִי פַּשְׁטוּת פוּן פָּסוּק, אָבֶּער דֶער זוֹהַר גֵייט מַסְבִּיר זַיין דָא מֶער טִיפֶער, **מַאי 'שָׁטוּ'** וָואס מֵיינְט דִי וָוארְט 'שָׁטוּ'? **שְׁטוּתָא הֲווֹ נַסְבֵי לְגַרְמַיְיהוּ** זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אַ נַארִישְׁקֵייט, **בְּגִין דְּלָא הֲווֹ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא** ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גְעהַאט קֵיין אֱמוּנָה; **מַה כְּתִיב בְּהוּ** וָואס שְׁטֵייט בַּיי זֵיי? **'וְטָחֲנוּ בָרֵחַיִם'** אַז זֵיי פְלֶעגְן צֶעמָאלְן אִין אַ מִיל דֶעם מָן, **'אוֹ דָכוּ בַּמְּדוֹכָה'** אָדֶער פְלֶעגְן זֵיי עֶס צֶעשְׁטוֹיסְן מִיט אַ שְׁטֵייסְל, **וְגוֹ'**, 'וּבִשְּׁלוּ בַּפָּרוּר' אוּן קָאכְן אִין אַ טָאפּ, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער; פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר: **מַאן אַטְרַח לוֹן כָּל הַאי** ווער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט צוּ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער? עֶס הָאט בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, **אֶלָּא דְּאִינוּן לָא הֲווֹ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא** נָאר וָואס דֶען, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה מֵיינְט מֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְק פְּלָאגְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

דָאס אִיז וָואס מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה, דָאס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין פב.): 'רָאִיתָ מִיָּמֶיךָ חַיָּה וְעוֹף שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אוּמָּנוּת וְהֵן מִתְפַּרְנְסִין שֶׁלֹּא בְּצַעַר', הָאסְטוּ דֶען אַמָאל גֶעזֶען אַ חַיָּה אָדֶער אַ פֵייגְל זָאלְן הָאבְּן אַ פַאךְ? אוּן מֶען זֶעט ווִי אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן הָאבְּן פַּרְנָסָה אָן קֵיין מִי אוּן פְּלָאג, 'וַהֲלֹא לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא לְשַׁמְּשֵׁנִי', אוּן זֵיי זֶענֶען דָאךְ נָאר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַארְן מֶענְטְשׁ, 'וַאֲנִי נִבְרֵאתִי לְשַׁמֵּשׁ אֶת קוֹנִי', אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אֵינוֹ דִין שֶׁאֶתְפַּרְנֵס שֶׁלֹּא בְּצַעַר', אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט הָאבְּן פַּרְנָסָה אָן קֵיין מִי אוּן פְּלָאג, נָאר וָואס דֶען? 'אֶלָּא שֶׁהֲרֵעוֹתִי מַעֲשַׂי וְקִפַּחְתִּי אֶת פַּרְנָסָתִי', אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אוּן מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ פַארְמִינֶערְט דִי פַּרְנָסָה; ווייל אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְּלָאגְן אוּן מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה.

**בְּגַוְונָא דָא, אִינּוּן דְּלָא מְהֵימְנֵי בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, לָא בָּעָאן לְאִסְתַּכְּלָא בְּאָרְחוֹי, וְאִינּוּן בָּעָאן לְאַטְרְחָא גַּרְמַיְיהוּ כָּל יוֹמָא בָּתַר מְזוֹנָא, יְמָמָא וְלֵילֵי, דִּלְמָא לָא סָלִיק בִּידַיְיהוּ פִּתָּא דְּנַהֲמָא. מַאן גָּרִים לוֹן הַאי. בְּגִין דְּלָאו אִינּוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא. אוּף הָכָא, שָׁטוּ הָעָם וְלָקְטוּ, שָׁטוּ בִּשְׁטוּתָא**

חָזִית אִישׁ

**בְּגַוְונָא דָא** אַזוֹי אוֹיךְ, **אִינּוּן דְּלָא מְהֵימְנֵי בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** די אַלֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפַּייזְט די גַאנְצֶע וֶועלְט, **לָא בָּעָאן לְאִסְתַּכְּלָא בְּאָרְחוֹי** זֵיי ווילְן נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, **וְאִינּוּן בָּעָאן לְאַטְרְחָא גַּרְמַיְיהוּ כָּל יוֹמָא בָּתַר מְזוֹנָא** זֵיי ווילְן זִיךְ מוּטְשֶׁען יֶעדְן טָאג פַאר פַּרְנָסָה, **יְמָמָא וְלֵילֵי** טָאג אוּן נַאכְט לוֹיפְט מֶען נָאךְ די פַּרְנָסָה, מֶען הָאט אַ פַּחַד **דִּלְמָא לָא סָלִיק בִּידַיְיהוּ פִּתָּא דְּנַהֲמָא** אוֹיבּ וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט; **מַאן גָּרִים לוֹן הַאי** פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ דָאס אַז מֶען אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן מֶען זָארְגְט זִיךְ אַזוֹי פַאר פַּרְנָסָה? **בְּגִין דְּלָאו אִינּוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא** ווייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען חַזֶר׳ט די אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל - אִיז מֶען זוֹכֶה אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן צוּ בַּאקוּמֶען מָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אוּן ווִי מֶער מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֵוייסְט אַז די פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן אִים - אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ צוּ זִיךְ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, מֶען דַארְף זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מוּטְשֶׁען, וַוייל פַאר יֶעדְן טָאג אִיז דָא פַּרְנָסָה פַארְן טָאג, אַזוֹי ווִי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, וַיִּסַּע ב): ׳מִי שֶׁבָּרָא יוֹם׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם טָאג - ׳בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ׳, הָאט בַּאשַׁאפְן די פַּרְנָסָה פַארְן טָאג, **אוּף הָכָא** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר בַּיי די מָן; אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ׳**שָׁטוּ הָעָם וְלָקְטוּ**׳ טַייטְשְׁט דֶער זוֹהַר, ׳**שָׁטוּ**׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁטוּת, פוּן נַארִישְׁקֵייט, **בִּשְׁטוּתָא** דִּגַרְמַיְיהוּ זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעטוּן מִיט אֵייגֶענֶע נַארִישְׁקֵייט, עֶס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, די זֶעלְבֶּע מָן וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט עֶסְן אָן זִיךְ פְּלָאגְן, **וּבָעָאן לְאַטְרְחָא עָלֵיהּ** זֵיי אַלֵיינְס הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט פְּלָאגְן, **הֲדָא הוּא דִּכְתִיב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ׳וְטָחֲנוּ בָרֵחַיִם׳ זֵיי פְּלֶעגְן נֶעמֶען די

**דִּגַרְמַיְיהוּ, וּבָעָאן לְאַטְרְחָא עָלֵיהּ, הֲדָא הוּא דִכְתִיב, וְטָחֲנוּ בָרֵחַיִם. בָּתַר כָּל טִרְחָא דָא, לָא סָלִיק בִּידַיְיהוּ, אֶלָּא דִכְתִיב וְהָיָה טַעְמוֹ כְּטַעַם לְשַׁד הַשָּׁמֶן. וְלָא יַתִּיר. מַאן גָּרִים לוֹן הַאי, בְּגִין דְלָא הֲווֹ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא.**

חָזִיתָ אִישׁ

**מָן** און דָאס מָאלְן אִין אַ מִיל, **בָּתַר כָּל טִרְחָא דָא** און נָאךְ אַלֶע פְּלָאג און נָאכְן נָאכְלוֹיפְן אַזוֹי סַאךְ נָאךְ דִי פַּרְנָסָה - **לָא סָלִיק בִּידַיְיהוּ** אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן מֶער, **אֶלָּא דִכְתִיב** נָאר דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: **'וְהָיָה טַעְמוֹ'** און דֶער טַעַם אִיז גֶעוֶוען, **כְּטַעַם** אַזוֹי וִוי דֶער טַעַם, **'לְשַׁד הַשָּׁמֶן'** פוּן אַ טֵייג וָואס אִיז גֶעקְנֶעטְן גֶעוָוארְן מִיט אַ פַּייכְטְקֵייט פוּן אוֹיל, **וְלָא יַתִּיר** זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט מֶער טַעֲמִים; **מַאן גָּרִים לוֹן הַאי** וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁפִּירְן אַלֶע הֵיילִיגֶע טַעֲמִים וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִין דִי מָן? **בְּגִין דְלָא הֲווֹ בְּנֵי מְהֵימָנוּתָא** וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֱמוּנָה.

אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וָואס זֶענֶען בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי מָן און שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אִין דֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט זֵיי זֵייעֶר פַּרְנָסָה אָן קֵיין צַעַר און אָן קֵיין מִי, וַוייל אַלֶעס וָואס מֶען פְּלָאגְט זִיךְ פַאר פַּרְנָסָה - אִיז נָאר פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מ), דָאס וָואס מֶען פָּארְט נְסִיעוֹת פַאר פַּרְנָסָה אִיז פוּן וֵוייניג אֱמוּנָה, 'כִּי אִם הָיָה מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה', וַוייל אוֹיבּ מֶען וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, 'שֶׁיָּכוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְהַזְמִין לוֹ כָּל צְרָכוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, 'לֹא הָיָה נוֹסֵעַ שׁוּם נְסִיעָה', וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט פָארְן אִין וַוייטֶע מְקוֹמוֹת פַאר פַּרְנָסָה, 'נִמְצָא כִּי הַנְּסִיעָה הִיא קִלְקוּל אֱמוּנָה', נָאר אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה דַארְף מֶען זִיךְ אַסַאךְ פְּלָאגְן.

**אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אַז דָאס וָואס מֶען פְּלָאגְט זִיךְ פַאר פַּרְנָסָה אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק, און וַוייל מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און מִיט בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט.**